בעזהשי"ת

שיעור ע"א

הלכה
היינטיגע צייטן
באידיש

שיעורי

# הלכה ישרה

## הלכות למעשה המצויות בשבת

## הלכות מוקצה [ג]

לא ללמוד בשעת התפילה וקריאת התורה

# כלי שמלאכתו לאיסור - ודיני בסיס

## 'כלי שמלאכתו לאיסור':

כלי שמלאכתו לאיסור, פירוש, כלי שעיקר תשמישו לאיסור ורוב פעמים הוא משמש לכך, כגון עט (פען), נייר כתיבה, קדירה ריקנית, שעפ-לעפל שיש בו זייער (נעץ), פטיש (האמער), צווענגל, מספריים (שערל), רעזאר בלעיד (Blade), טעלעפאן ביך (Tel-Book), ורעסעפי בוק (Recipe-Book).

## אופן ההיתר להשתמש בכלי שמלאכתו לאיסור:

מותר להשתמש בכלי שמלאכתו לאיסור לצורך דבר המותר בשבת, וזה מה שנקרא **'לצורך גופו'**, כגון:

- להניח מאכלים **בקדירות בישול ריקניות** (כשעל פי רוב אינן עשויין להחזיק מאכלים, וכן במחבת שעשויה לטיגון - פרעגלען).
- להוציא מאכל מקדירה **בשעפ-לעפל שיש בו זייער** באופן שאינו בורר (כשאין במאכל רוטב כלל).
- להשתמש **בנייר כתיבה** – עבור סימן בדפי הספר (Book Mark).
- **פטיש** (האמער) - לפתוח אגוזים (Walnuts).
- **צווענגל** - להוציא פקק של יין (Cork).
- **טעלעפאן ביך** (Tel-Book) - למצוא אדרעס.
- **רעסעפי בוק** (Recipe-Book) - לבדוק ברכה על איזה מאכל.
- **ודע!** שבדרך כלל אסור לעיין **ברעסעפי בוק בשבת** (רעיונות על מאכלים וכדומה), משום איסור 'ממצוא חפצך' ושטרי הדיוטות.

## לצורך מקומו:

מותר לטלטל כלי שמלאכתו לאיסור כשצריך למקומו, כגון לטלטל **פטיש** (האמער) ששכח על השולחן, לטלטל **סעלפאן** (Cell) פשוט המונח על המיטה, **לטלטל תפילין** המונח על הכיסא.

## איסור לצורך המוקצה עצמו:

אבל אסור לטלטל כלי שמלאכתו לאיסור כדי שלא ייפסד, כגון:

- **בייק** (סקוטער) כדי שלא ייגנב (אבל בייק (סקוטער) של ילדים קטנים, אינו מוקצה).
- כלי למלאכת בנין, כגון **פטיש** (האמער), **צווענגל, מקדח** (Drill) - שלא יתקלקל מחמת הגשם.

## לטלטל המוקצה לצורך השתמשות כדי שלא ייפסד:

אם יצטרך לכלי שמלאכתו לאיסור בשבת, מותר לטלטלו, ואפילו אם כוונתו שלא יופסד, כגון:

- מותר ליקח **קדירות בישול ריקניות** (כשעל פי רוב אינן עשויין להחזיק מאכלים) משבע-ברכות שחושש שייאבדו, וישתמש בהם בבית (אפילו שכוונתו רק להציל מהיזק).

❖ מותר לסגור דלת פתוח של קאר – כשיש שם דברים המותרים בטלטול כדי לשמור על הקאר ביחד עם ההיתר [בתנאי שהאור שבקאר (Car Light) לא ייכבה [וע"י גוי מותר גם אז].

❖ [ומותר גם להניח ההיתר בשבת – אם אפשר בלי לטלטל הקאר] (הגרשז"א בדרשו סי' ש"ח 21, ועי' מ"ב רנ"ג ס"ק צ"ט).

## דיני 'בסיס'

**כל דבר** המשמש ומחזיק עליו איזה דבר מוקצה – נעשה מוקצה בעצמו, ואסור לטלטלו אפילו אחרי שכבר הוסר המוקצה ממנו, וזה נקרא **'בסיס' למוקצה** (סי' ש"ט ס"ד).

❖ ולאו דווקא כאשר המוקצה מונח על גבי ההיתר (השולחן וכדו'), אלא אפילו כאשר מחזיק המוקצה מתחתיו, כגון מוקצה שמונח בתוך לעדל שמתחת השולחן – מ"מ הוי דין 'בסיס'.

**כמה תנאים** יש כדי שיהא דין 'בסיס', וכיצד לטלטל ההיתר עם המוקצה שמעליו – כאשר אין לו דין 'בסיס', וכדלהלן.

## הלכות מצויות

### אין דין 'בסיס' אא"כ התכוון שיישאר שם המוקצה, ולכן:

**מי שהניח נרתיק** (טאשקע) **עם מוקצה על כיסא** – בדרך עראי (כשנכנס לבית וכדו') – ונשאר שם עד שבת, לא נעשה הכיסא 'בסיס', ומותר בטלטול אחרי שהנרתיק יוסר משם.

❖ אבל אם הניח טאשקע עם מוקצה **במקום המיוחד לו**, כגון בתיבה שעשויה לזה, הרי שאז אפילו לא היתה דעתו שיישאר שם בשבת אלא ששכח מזה, אפ"ה נעשית המיטה 'בסיס' (מ"ב יח).

**סידר בגדים המיוחדים לסחורה ע"ג המיטה** כדי לדעת איזה מהם להחזיר לחנות וכיוצ"ב (-'מוקצה מחמת חסרון כיס'), **אך לא היתה דעתו שיישאר שם בשבת** אלא ששכח מזה – לא נעשית המיטה 'בסיס', ואפשר לנער מעליה את הבגדים, או לטלטלם למקום נקי ע"י כלי המיטה (לינען).

**וכן מצוי שיניח כסף בכיס בגד** (העמעד) **של שבת**, ונזכר מזה בשבת – והדין כנ"ל, לא נעשה הבגד 'בסיס', ואפשר לנער ממנו המוקצה.

### 'באקראי' לא נעשה בסיס – דהיינו כאשר ההיתר אינו 'משמש' את האיסור, ולכן:

**הניח קעמערא או שאר מוקצה ע"ג בגדים בתוך מגירה** (לעדל) – '**מחמת חוסר מקום**', הניח **קארטאפל שאינו מבושל** (Raw Potatoes) (-'מוקצה מחמת גופו') **ע"ג תפוחים בפרידז'ש** – אין **הבגדים והפירות** נעשים 'בסיס', ובשעת הצורך יש להקל בזה **ולנער מהם המוקצה** (מ"ב שם; שש"כ כ, פא).

### דין 'בסיס' – רק אלא ע"י בעה"ב, ולא ע"י אחר, ולכן:

❖ **לטלטל ספר של בבית מדרש שאדם אחד הטמין בו נייר כתיבה יקר** (-'מוקצה מחמת חסרון כיס') **כדי לשמרו**;

❖ או ילד בבית שהניח זייף של כביסה (Laundry Detergent) (-'מוקצה מחמת גופו') **ע"ג שולחן** - אינו נעשה 'בסיס', ומותר לטלטל ההיתר כאשר יוסר מעליו המוקצה (כי דין 'בסיס' אינו אלא ע"י בעה"ב, ולא ע"י אחר).

## דין 'בסיס' – רק ע"י הנחה לכל השבת, ולכן:

גוי שהסיר המוקצה **באמצע 'בין השמשות'**, כגון פלאטע דלוק שהיה מונח על תיבה (שאפע) והסירו משם, אין בזה איסור 'בסיס', כי צריך שהמוקצה יהיה ע"ג דבר ההיתר **'כל בין השמשות'**, (שזהו 13 מינוט (דקות) לפני האופק, כלומר מ-47 מינוט אחר השקיעה, עד 72 אחר השקיעה (ולאלו הנוהגים כשיטת רבינו תם יש להקל)).

❖ וזהו אפילו כבר קיבל עליו שבת אחר 'פלג המנחה', כי לדין 'בסיס' **צריך שיהא שם המוקצה כל ביה"ש** (שש"כ פ"כ הע' קפ"ד).

## לכמה פוסקים, אין 'בסיס' כאשר דעתו שיוסר המוקצה באמצע שבת, ולכן:

**אם היה בדעתו שהגוי יסיר את הנרות מהשולחן באמצע שבת, הרי שבשעת הדחק** כאשר חסר לו שולחן אחר עבור אורחים וכדומה – יש להקל להשתמש עם השולחן, (סי' ש"י ס"ח).

## דין 'בסיס' – רק כאשר המוקצה מונח על 'עיקר הכלי', ולכן:

❖ **בגד** – אם צד אחד מהכיס הוא **חלק מהבגד עצמו**, כגון כיס של העמעד או חלאט שנתפר **לכל אורך הכיס על הבגד** (ולא רק מלמעלה) – **אז ייחשב כל הבגד 'בסיס'** אל המוקצה, ואף כאשר יוסר משם המוקצה באמצע שבת – עדיין יהיה אסור בטלטול כחומר המוקצה שהיה שם.

❖ **מגירה** (לעדל) **שאפשר להוציא את כולה מתוך השולחן** – נחשבת המגירה **ככלי בפני עצמה** שהשולחן מחזיקה, נמצא שהמוקצה **מונח ע"ג עיקרו של כלי** ועושהו 'בסיס', ואז נעשה גם השולחן 'בסיס' אל המוקצה, ואף כאשר יוסר משם המוקצה באמצע שבת – עדיין אסורים בטלטול כחומר המוקצה שהיה שם.

## אין דין 'בסיס' – כשמונחת בחלק 'הטפל' של ההיתר, ולכן:

**מוקצה שתלוי על מְתלה** (הוק) **בצד השולחן** (שזה טפל לשולחן), לא נעשה כל השולחן 'בסיס', ומותר אחר שיוסר המוקצה משם.

**וכן כיס** (טאש) שחברו אל הבגד 'רק מלמעלה' ע"י תפירה, כגון במעיל, **רעקל ומכנסיים;** כמו כן **מגירה** (לעדל) שחיברה אל השולחן עד **שאי אפשר להוציא** משם את כולה, והוי רק כחלק 'טפלו' מהשולחן:

❖ הרי שהבגד או השולחן אינם נעשה 'בסיס' בגלל המוקצה **שמונח בחלק ה'טפל' שבהם**, ומותר לטלטלם אחר שינער משם המוקצה (מ"ב כט, לא).

כך גם אם תלה תיק כסף (-'מוקצה מחמת גופו') **על דלת הבית**, או תלה שק **ניירות שערכם רב** (-'מוקצה מחמת חסרון כיס') **על דלת השאפע:**

❖ **אין הדלת נעשית 'בסיס'** (כי הוא מוקצה שמונח על 'טפלו' של הכלי).

## היתר 'חשוב' או 'הנצרך לשבת' – שמונח עם איסור, מציל מדין 'בסיס', ולכן:

**שולחן עם נרות שיש עליו גם חלות או ספר שילמד בו בשבת**, וכן מגירה (לעדל) – **אפילו יש בתוכה כסף הרבה** – אבל יש שם גם ספר או ביכל שמשתמשים בו בשבת, אינו נעשה 'בסיס'.

## רק כאשר 'הכלי' שההיתר והאיסור מונחים עליו – מיועד 'לשמש שניהם', ולכן:

הניח חלה ע"ג טאץ שמיוחד לנרות, או הכניס עוגה (קיכן) **לנרתק** (טאשקע) **המיוחד עבור הקאמפיוטער**, או שתחב דבר מתוק (קענדי) **לתוך ארנק שמיוחד לקרעדיט קארדס** – **בכוונה שיוכל כך לטלטלם בשבת אחרי 'ניעור'**, הרי שבזה אין ההיתר מועיל, ואסורים בטלטול אפילו אחרי 'ניעור'.

## דברים מעוטי ערך, אינם עושים 'בסיס', ולכן:

**קליפות פירות** שמונחין על השולחן – אין לשולחן דין 'בסיס', כי מוקצה 'גרוע' אינו עושה 'בסיס', כמו"כ מגירה (לעדל) שמונחין בתוכה **מטבעות מעוטי ערך** (פעניס) **או עט** (פען) **שאינו עובד**, אינה נעשית 'בסיס' (מ"ב ש"י ל).

- ❖ אבל כלי המיוחד לכך, כגון שירעם מקולקל **בתוך כלי המיועד לשירעמס**, וכן פושקע **שיש בתוכו מטבעות קטנות** – הרי שכל כזה נעשה 'בסיס' (נ"ל).

## דין כלי היתר שמשמש ל'כלי שמלאכתו לאיסור':

**שק שיש בתוכו כלי עבודה** (Tools) **או טעלעפאן** – נעשה השק 'בסיס' אל 'כלי שמלאכתו לאיסור', לכן אף שהורק השק מתוכנו – עדיין אין לטלטלו אלא לצורך גופו ומקומו.

אולם י"א שבזה אין דין 'בסיס' כלל - כל שהיתר משמש **לכלי שמלאכתו לאיסור**, (פ"מ מ"ז ב; שש"כ פ"כ נ).

## מוקצה 'שמשמש' את ההיתר שמתחתיו:

מוקצה שהונח ע"ג ההיתר 'כדי לשמש ההיתר', כגון שהניח מער"ש **חתיכת עץ** (ברעיט) **שהוא מוקצה** (מחמת גופו) – **ע"ג כלי מסוים כדי להגן עליו מפני הגשמים, אין הכלי נעשה 'בסיס'**, ומותר לנער מעליו המוקצה ואז לטלטלו.

## דיני טלטול ההיתר – כשאין דין 'בסיס'

- ❖ **טלטול כלי שהוסר המוקצה מעליו** – כלי שלא נעשה 'בסיס' והוסר מעליו המוקצה, כגון ע"י גוי, אינו מוקצה ומותר לטלטל הכלי.
- ❖ **עדיין לא הוסר המוקצה** – כלי שלא נעשה 'בסיס' אולם עדיין לא הוסר המוקצה, מותר לנער מעליו המוקצה, כגון לנער המיטה מהכסף שמונח עליה.
- ❖ **'ניעור' – כשצריך למקום המוקצה** – כאשר אי אפשר לנער המוקצה כיוון שצריך למקומו – כגון לנער מטבעות מהשולחן בדיינינגרום כשיש שם תינוקות בחדר, מותר לטלטל הבסיס יחד עם המוקצה, עד מקום שיכול לנער שם.

- ❖ **'ניעור' – בחשש קלקול של המוקצה** – כמו כן כאשר אי אפשר לנער המוקצה מכלי ההיתר מחמת חשש קלקול, כגון לייכטער שעל השולחן או קעמערא (Camera) על הכיסא, ואינו רוצה לנער כדי שלא יישבר, מותר לטלטל ה'בסיס' יחד עם המוקצה עד מקום שלא יינזק שם.
- ❖ **'ניעור' – כשצריך 'גם' לתשמיש המוקצה** – באופן שצריך גם לתשמיש המוקצה עבור דבר היתר – אין צריך לנער, כגון שולחן עם נרות, וצריך השולחן בחדר אחר לצורך דבר היתר, וצריך ג"כ להנרות כדי שיאירו שם, מותר להעביר השולחן יחד עם הנרות, **אבל אסור לטלטל השולחן באופן שצריך רק שיאירו הנרות באותו חדר** (שש"כ שם).
- ❖ **איסור ניעור כאשר כוונתו רק לטובת המוקצה** – אף כאשר אין דין 'בסיס', אסור לנער הכלי כאשר כוונתו לטובת המוקצה בלבד, לכן:
- ❖ אסור לנער כלי עלעקטריק (Electrical-Tools) שמונחים בחצר על שולחן יחד עם כלי היתר – כאשר מתכוון רק **כדי שלא יתקלקל המוקצה** מחמת הגשמים.
- ❖ קופסא שיש שם דברים מותרים יחד עם דבר מוקצה – **וחושש שלא ייגנב המוקצה.** הרי שכל כזה – אסור לנער וכ"ש לא לטלטל, **כאשר כל כוונתו רק עבור המוקצה.**

# 'כלי שמלאכתו לאיסור' ודיני 'בסיס' - באידיש

## 'כלי שמלאכתו לאיסור'

### די מוקצה פון א 'כלי שמלאכתו לאיסור':

א. 'כלי שמלאכתו לאיסור' מיינט, א כלי וואס מען נוצט מערסטענס פאר א מלאכה וואס איז אסור אין שבת, אבער עס איז א כלי וואס מען קען אויך נוצן פאר היתר. **צ"ב:**

- ❖ א **פעדער** (פען), **שרייב פאפיר**, **טעפ** וואס זענען געמאכט צו קאכן (פען), **שעפ לעפל** וואס האט א זייער (נעץ), **האמער**, **צוועגגל**, **שערל**, **טעלעפאן ביך**, **רעספי ביך**.

ב. מען מעג נוצן א 'כלי שמלאכתו לאיסור' פאר א געברויך, צ"ב:

- ❖ אין א **טאפ** (אפילו וואס מען פרעגלט) – צו האלטן עסן, א **שעפ לעפעל** מיט לעכער – צו ארויסנעמען עסן (באופן וואס איז נישט קיין 'בורר' - ווען עס איז נישט דא דארט קיין שום זאפט), **שרייב פאפיר** – צו מאכן א סימן אין א ביך (Bookmark), **האמער** – צו אויפמאכן ניס, **טעלעפאן ביך** – צו טרעפן אן אדרעס, **רעספי ביך** – צו זיכן וועלכע ברכה צו מאכן אויף א מאכל.

**וויסן זיין:** שבת טאר מען נישט ליינען אדער אפילו קוקן אין רעספי ביך קיין **רעספיס** (מאיסור 'ודבֵּר דבר' און 'שטרי הדיוטות').

ג. מען מעג זיי מטלטל זיין ווען מען דארף זייערע פלאץ, צ"ב:

- ❖ א **האמער** וואס ליגט אויפ'ן שבת טיש, א **פשוט'ע טעלעפאן** וואס ליגט אויפ'ן בעט, **תפילין** וואס ליגט אויפ'ן בענקל, אן **אויסגעלאשענע טאוסטער** אדער **פלאטע** וואס שטערן צו לייגן זאכן אויפן קאונטער, **פען**, **שערל**, **ארבעט'ס כלים**, **נאגל**, **נאדל** – וואס ליגן אויפ'ן פלאץ וואו קינדער שפילן זיך.

דאס אלעס וכדומה מעג מען אוועקריקן ווען מען דארף זייערע פלאץ.

## נישט מטלטל זיין וועגן זייערע שאדן:

ד. א 'כלי שמלאכתו לאיסור' טאר מען נישט מטלטל זיין פאר די טובה פון די מוקצה אליין, אזוי ווי – זיי ראטעווען פון שאדן (דורך א גוי איז מותר) צ"ב:

- ❖ אריינעמען א **בייק**, **סקוטער** (Scooter) פון אינדרויסן, כדי זיי זאלן נישט ווערן פארלוירן.
- ❖ אריינברענגען **ארבעט געצייג** (Tools), כדי זיי זאלן נישט געשעדיגט ווערן פון רעגן.
- ❖ אזוי אויך, מען טאר נישט צומאכן א טיר פון א קאר, ווייל דאס איז 'לצורך דבר האוסר'.

## מטלטל זיין דורך א גוי:

ה. יעדער '**כלי שמלאכתו לאיסור**' מעג מען מטלטל זיין דורך א גוי, אפילו כדי צו עס ראטעווען פון שאדן, צ"ב – **די אלע אויבען דערמאנטע זאכען**, אויך מעג מען צומאכן די טיר פון א קאר וואס איז געבליבן אפן.

- ❖ דאס מעג מען דורך א גוי אפילו די לייט וועט זיך צומאכן דורך דעם.
- ❖ אבער '**מוקצה מחמת גופו**' און '**מוקצה מחמת חסרון כיס**', מעג מען נישט ריקן אפילו דורך א גוי, חוץ ביי א 'הפסד מרובה'.

## צודעקן און אנרירן אלע מיני מוקצה:

ו. מען מעג צודעקן אלע מיני מוקצה כדי צו זיי ראטעווען פון שאדן – **'מוקצה מחמת חסרון כיס'**, **'מחמת גופו'** אדער **'כלי שמלאכתו לאיסור'**, אפילו אויב מען רירט אהן די מוקצה דורך דעם (אבער מען דארף אכטונג געבן זיי נישט צו שאקלען, און נישט מטלטל זיין).

## מטלטל זיין וועגן שאדן – דורך עס נוצן:

ז. א 'כלי שמלאכתו לאיסור' ביי א פאל פון שאדן, מעג מען עס מטלטל זיין דורך נוצן פאר א געברויך, **אפילו ווען די עיקר כוונה איז צו עס ראטעווען**, צ"ב:

- ❖ **צומאכן די טיר פון א קאר** כדי צו ראטעווען פון שאדן – מעג מען דורך אריינלייגן א דבר היתר אין די קאר (אבער אכטונג געבען נישט דעמאלסט מטלטל זיין) [אויב עס האט לעקטער – איז נאר דורך א גוי].
- ❖ **אהיימנעמען א 'כלי שמלאכתו לאיסור'** כדי עס זאל נישט פארלוירן ווערן – מעג מען דורך עס נוצן אינדערהיים (למשל האלטן עסנווארג אין א טאפּ).
- ❖ **אריינעמען פון אינדרויסן א כלי מלאכה** כדי צו ראטעווען פון שאדן – מעג מען דורך עס נוצן פאר עפעס.
- ❖ **שליסלען פון א קאר אדער פושקע** וכדומה וואס קען פארלוירן ווערן, איז אויב עס איז צוזאמען מיט אנדערע שליסלען – מעג מען מטלטל זיין דורך נוצן די היתר'דיגע שליסלען.

### ד'ני' 'בסיס'

'**בסיס**' מיינט, א היתר וואס האלט אויף זיך אן איסור מוקצה, דעמאלסט ווערט די היתר אויך מוקצה, פונקט ווי עס וואלט געווען די מוקצה אליין.

❖ אפילו נאך וואס די מוקצה איז אראפ פונעם היתר, איז נאכאלץ דא אויף דעם אן איסור ווי די מוקצה ממש.

## הלכות מצויות

## תנאים פון 'בסיס' – אלע פעלער וואו עס איז נישט קיין 'בסיס':

### א. פארגעסן צו אראפנעמען די מוקצה בעפאר שבת צ"ב:

אויב האט מען פארגעסן א מוקצה אין טאש אדער אויפ'ן בענקל, איז עס נישט קיין 'בסיס'.

❖ אבער ביים פארגעסן אין שאפע וואו עס באלאנגט – איז עס יא 'בסיס'.

### ב. ארויפגעלייגט די מוקצה אויפ'ן היתר שלא בכוונה ממש, צ"ב:

ער האט געלייגט קליידער אויפ'ן בעט וואס מען וויל צוריקגעבן פאר'ן געשעפט, און זיי דארט פארגעסן – איז עס מותר.

❖ אבער אויב האט ער געלייגט אויף א בענקל בכוונה – איז עס אסור.

### ג. ארויפגעלייגט די מוקצה אויפן היתר נאר ווייל עס איז נישט געווען קיין פלאץ צ"ב:

❖ מען האט געלייגט א קעמערא אדער געלט אויף ביכער אין א געפאקטע שאפע – אפילו מיט כוונה, איז עס נישט קיין 'בסיס', און מען מעג ארויסשלעפן די ביכער (עס איז כדי צו מחמיר זיין אויב מען קען).

❖ אויך רויע קארטאפל אויף ירקות אין פרידזש – קען מען ארויסשלעפן די ירקות פון אונטן (ווען מען מוז).

### ד. נאר דער בעה"ב פונעם היתר'דיגע כלי קען לייגן דערויף א מוקצה, נישט קיין אנדערע, צ"ב.

א קינד וואס האט געלייגט וועש זייף (Detergent) אדער בעטערים, געלט וכדומה אויף א בענקל, מעג מען אראפשאקלען די מוקצה.

❖ אבער אויב האט מען איהם געהייסן ערב שבת, איז די בענקל יא מוקצה.

### ה. נאר אויב די מוקצה איז געווען אויפ'ן היתר 'גאנץ בין השמשות' צ"ב:

אויב האט מען אראפ געשאקלט די מוקצה פונעם היתר, אדער אויב א גוי האט אראפגענומען די מוקצה אינמיטן 'בין השמשות', איז די דבר היתר שוין נישט מוקצה.

❖ טאמער עס איז געווען בכוונה א גאנץ 'בין השמשות' און דאן אראפגעפאלן אינמיטן שבת, איז די היתר יא מוקצה מדין 'בסיס'.

### ו. די מוקצה דארף ליגן אויף די עיקר חלק פון די כלי היתר, צ"ב:

געלט אין טאש פון א רעקל אדער הויזן (וואס איז גענייעט פון אויבן) – מאכט נישט קיין 'בסיס' (ווייל עס ליגט נאר אויף א 'טפל', די טאש).

- ❖ אזוי אויך, מוקצה אין א **לעדל פון א טיש וואס איז מחובר צום טיש אינגאנצן**, איז די טיש נישט קיין 'בסיס' (ווייל עס ליגט נאר אויף א 'טפל', די לעדל).
- ❖ אזוי אויך, א מוקצה וואס **הענגט אויף א הוק אויפ'ן זייט פון א כלי, טיש**, אדער פון א **טיר פון א שאפע**, זענען זיי נישט קיין 'בסיס' (ווייל עס ליגט נאר אויף א 'טפל' פונעם כלי).

## ז. צו ווערן א 'בסיס', דארף די מוקצה ליגן אויף די עיקר חלק פונעם כלי היתר, צ"ב:

- ❖ א לעדל וואס איז **נישט ממש מחובר צום טיש**, מאכט די מוקצה א 'בסיס' פאר די **'גאנצע טיש'** ווייל עס 'האלט' א לעדל.
- ❖ אדער ווען א טאש פונעם **העמד, חאלאט**, אדער קויט (מאנטל) **איז א חלק פונעם בגד ממש** (געניייט אויף די גאנצע לענג) – מאכט די מוקצה אינעם טאש א 'בסיס' פאר די גאנצע בגד.

## ח. א געמיינע אדער גאר א ביליגע מוקצה – קען נישט מאכן א 'בסיס', צ"ב:

שאלעכטץ אויף א טיש, ביליגע געלט (פענים) אין א לעדל אדער אין א בגד, מאכט דאס נישט קיין 'בסיס'.

אויב איז עס באשטימט פאר דעם, מאכן ביליגע זאכן אויך א בסיס, צ"ב:

- ❖ א צובראכענע שירעם אין א שירעם האלטער.
- ❖ פענים אין א פושקע.
- ❖ פארפאלטע עסן אין א לעדל פון פרוכט.

## ט. עס ליגט זאכן פון היתר צוזאמען מיט'ן מוקצה איז עס נישט קיין 'בסיס', צ"ב:

אויפ'ן טיש **ליגט חלות מיט ליכט**, אין די לעדל – **ספרים און ביכער וואס מען נוצט** – ליגן מיט מוקצה, אין די טאש פונעם **בגד – ליגט א היתר** צוזאמען מיט מוקצה, אין א שאפע מיט מוקצה – **תכשיטים**, קליידער, נאש וכדומה – ביי די אלע איז נישט דא א 'בסיס'.

- ❖ אבער נאר אויב די 'דבר היתר' איז **מער טייערער פונעם מוקצה**, אדער מען גייט זיי נוצן **אין שבת** – נאר דעמאלסט ווערט די היתר פון אונטן נישט קיין 'בסיס'.

## י. א היתר וואס די אונטערשטע כלי (פונעם מוקצה) 'איז נישט געמאכט' פאר איהם, ראטעוועט עס נישט פון 'בסיס', צ"ב:

- ❖ **חלה** אויפ'ן טאץ מיט לייכטער.
- ❖ **עסן** אינעם טאש פונעם לעפ-טאפ.
- ❖ **קוכן**, קוקיס, קענדיס – אינעם טאש פון א בגד צוזאמען מיט געלט.
- ❖ **זאקן** אדער האנטעך אין א קליינע לעדל פון מוקצה.
- ❖ **נאש** אין א קעסטל פון ארבעט געצייג (Tools).

דאס אלעס וכדומה ראטעוועט נישט די כלי מיט'ן מוקצה פון דין 'בסיס'.

## יא. א בסיס איז אסור נאר אויב די אונטערשטע כלי האלט די מוקצה 'לצורך די מוקצה', אבער נישט פארקערט – ווען די מוקצה פון אויבן איז 'לצורך' פונעם אונטערשטע כלי, צ"ב:

- ❖ א שטיין, ברעהט (וואס זענען מוקצה) – צו פארדעקן א כלי מיט עסנווארג, **ווערט נישט די אונטערשטע כלי היתר** א 'בסיס', און די כלי איז מותר נאך ווען די מוקצה גייט אראפ.

## יב. א בסיס איז נאר פאר א שטארקע מוקצה - אזוי ווי א 'מוקצה מחמת חסרון כיס' אדער 'מחמת גופו' (שטיינער, הלצער וכו'), אבער פאר א 'כלי שמלאכתו לאיסור' (צ"ב: א האמער אויפ'ן טיש), איז עס א מחלוקת.

### מטלטל זיין די היתר מיט די מוקצה – ווען עס איז נישט קיין 'בסיס'

א. א כלי וואס האט אויף זיך מוקצה, מעג מען עס אראפשאקלען – ביי א פאל וואס עס איז נישט קיין 'בסיס'.

ב. אויב מען דארף האבן די פלאץ וואו עס ווערט פאלן, **מעג מען טראגן די היתר צו אן אנדערע פלאץ**, און דארט אראפשאקלען.

ג. אויך טאמער די מוקצה קען ווערן געשעדיגט אדער צובראכן ביים אראפשאקלען, מעג מען אראפשאקלען ביי א פלאץ וואו עס ווערט נישט געשעדיגט.

ד. אויב מען וויל נישט די טיש מיט די לייכטער, **אבער מען דארף האבן די מוקצה כדי זיך צו באנוצן מיט דעם** (למשל, צו באלייכטן א צימער דורך די ליכט אויפ'ן טיש) – מעג מען נישט אהין טראגן די טיש פאר דעם אליין.

ה. מען טאר נישט אראפשאקלען א מוקצה פון א טיש אדער פון א בגד, אפילו ביי א פאל וואס עס איז נישט קיין 'בסיס' – אויב מען טוט דאס נאר ווייל מען וויל עס היטן פון א הפסד – כדי עס זאל נישט געשעדיגט ווערן, צ"ב:

- ❖ אראפשאקלען מוקצה פון א בענקל אין חצר, כדי עס זאל נישט רעגענען דערויף.
- ❖ מען זאל נישט ארויסשאקלען געלט פון א מאנטל וואס מען נוצט נישט – אויב דאס איז נאר כדי אז מען זאל עס נישט גנב'ען.
- ❖ אראפשאקלען א בגד וואס מען וויל צוריקגעבן פאר'ן געשעפט, כדי א קינד זאל עס נישט מאכן שמוציג.

**אבער די אלע זאכן מעג מען יא מטלטל זיין 'כלאחר יד'** (מיט'ן גוף אדער עלנבויגן).

זכור אותו האיש לטוב, זכות הרבים תלוי בו

זכות לימוד הציבור הרחב ובבתי בני ישראל הלכה למעשה

של ב' חלקי מוקצה נתנדב לעילוי נשמות

הר"ר מנשה זאב בן מנחם מנדל ז"ל, שרה צירל בת שלום ע"ה

ת.נ.צ.ב.ה.

דיינים מומחים משיבים ועונים על שאלתכם כל ימות השבוע

קול הלכות שבת האטליין

שבת | יום טוב | חול המועד

929-4 SHABAS

929-474-2227

יצא לאור ע"י הרב יהודה אליקים מאנהייט - מו"צ בקה"ק ברוקלין יצ"ו

להנצחות הערות והארות נא להתקשר - 347-512-9276 - haluchuyeshuru@gmail.com